בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תשא תשע"ה — גליון 305 [שנה ז']

וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת: (לא טז) זאגט דער אור החיים הק' פשט "ושמרו" איז מלשון ואביו שמר את הדבר ער האט געהאפט און געווארט עס זאל שוין ווערן. דאס זעלבע דארף א איד ווארטן מיט האפענונג ווען קומט שוין דער שבת עכ"ד. מיין עלטער פעטער הרה"ח ר' ניסן פילטשיק זצ"ל פון די פייערדיגע סטאלינער חסידים איז אמאל געוועזן שטארק בשמחה מוצאי שב"ק נאך סעודת מלוה מלכה און ווען די בחורים האבן אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי בשמחה? האט ר' ניסן געענטפערט ער פריידט זיך אז אין 6 טעג ארום איז שבת. ר' ניסן האט אמאל געטראפן א איד מוצאי שבת קודש און זאגט אים ר' איד איך האב פאר אייך א בשורה טובה "אין 6 טעג איז שבת!" לויט דעם עובדא קען זיין פשט אין פסוק וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ: (שמות ט"ז ה) וְהָיָה, מען דארף זיין בשמחה ווייל בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי אין 6 טעג ארום וועט זיין שבת. וְהֵכִינוּ: און אזוי איז געוועזן די הכנה צום שבת קודש נאך ביי מוצאי שב"ק פון אלטע חסידים זיע"א. און אז מען ווארט און טראכט אזוי די גאנצע וואך אויף שבת, איז דעמאלטס, לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת: מאכט מען דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן ברענגט אז עשיה איז א לשון תיקון. (שמח זבולון)

וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם: (לא טז) שטייט אין פסוק וְשָׁמְרוּ מען דארף היטן דעם שבת. אבער וואס מיינט "לַעֲשׂוֹת" מאכן דעם שבת ווי אזוי מאכט מען שבת? נאר מען איז מחוייב צו מוסיף זיין מחול על הקודש און אנהויבן דעם שבת אין חול און ארייננציען שבת אין מוצאי שבת. קומט אויס אז וואס איז געוועזן חול איז יעצט געווארן שבת. דאס מיינט "לַעֲשׂוֹת" מען מאכט פון די וואכן שעות אז דאס ווערט א חלק פון שבת. (אור החיים הק')

מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ: (לב לב) אלע ברענגען דעם פסוק אלץ א רמז פארוואס שטייט נישט דערמאנט דעם נאמען פון משה רבינו אין פרשת תצוה. אבער דאס איז גוט פארוואס אין איין פרשה ווערט נישט דערמאנט, אבער פארוואס דוקא אין פ' תצוה? מיין פעטער הר' דניאל קליטניק נ"י האט מיר איבערגעזאגט א ווארט אז מִסִּפְרְךָ איז די ווערטער מִסֵּפֶר – ך די צוואנציגסטער פרשה וואס דאס איז פ' תצוה.

וַיֹּאמַר הַרְאֵנִי נָא אֶת־כְּבֹדֶךָ: (לג יח) דער הייליגער חת"ם סופר ברענגט א מורה'דיגן פשט פון רמב"ם אין שמונה פרקים אז משה רבינו האט זיך אויסגעארבעט זיינע אלע שלעכטע מדות חוץ פון איין שלעכטע מדה וואס ער האט נאך א משהו געהאט, דאס איז די מדה פון כעס. קען זיין אז דאס האט משה רבינו געבעטן הַרְאֵנִי נָא אֶת־כְּבֹדֶךָ! נעם אוועק פון מיר די כעס! האט אים דער אויבערשטער געענטפערט "כִּי לֹא־יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי:" כל זמן דו האסט נאך עפעס א מחיצה וואס איז מפסיק צווישן מיר און דיר ביזטו נאך א אדם, אבער אויב איך וועל אויסרייסן פון דיר אינגאנצן די מדה פון כעס וועסטו מער נישט זיין א אדם. דעריבער קען איך דאס נישט טאן. (תורת משה חת"ם סופר)

וְחַנֹּתִי אֶת־אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי אֶת־אֲשֶׁר אֲרַחֵם: (ל"ג י"ט) זאגט רש"י אותן פעמים שארצה לחון. פאר וועמען איך וועל וועלן וועל איך געבן, דארף מען פארשטיין דא זאגט רש"י פעמים שארצה, מיינט ווען איך וועל ווילן, און נאך זאגט רש"י שאינן חוזרות ריקן אז דער אויבערשטער וועט הערן די תפילות פון א יעדן? אויך פרעגן די מפרשים פארוואס זאגט רש"י די לשון "פעמים": "פעמים שארצה לחון" און נישט "למי שארצה אחון ולמי שארצה ארחם"? איז מסביר דער באר בשדה –דאנון, ממפרשי רש"י– אז אויב מען וועט זאגן למי שארצה לחון, נאר צו וועמען איך וויל וועל איך געבן, וועט אויסקומען פשט אז דער אויבערשטער וועט זיין א משא פנים בדבר, פאר איינעם יא און איינעם נישט, און דער אויבערשטער איז דאך א טוב ומרחם לכל, און אויך איז שווער אז דער אויבערשטער האט צו געזאגט שאינן חוזרות ריקם איז ווי איז פשט למי שארצה? נאר פשט אין רש"י איז, פעמים מיינט עת [שלש "פעמים" בשנה יראה כל זכורך –פעמים מיינט צייט, און עס שטייט ואני תפלתי לך ה' עת רצון. עת מיינט צייט, און ווען איז עס א עת רצון? ווען מען איז מתפלל בציבור, אזוי ווי עס שטייט (איוב ל"ו, ה) הן קל כביר לא ימאס. המו"ל] דאס זאגט רש"י פעמים שארצה לחון, ווען עס איז א עת רצון, און דאס מיינט פעמים, ווייל ביי דער אויבערשטער אין א עת רצון, זאגט "שאינן חוזרות ריקן" און דעמאלטס ענטפערט ער און עס וועט זיין וְחַנֹּתִי אֶת־אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי אֶת־אֲשֶׁר אֲרַחֵם. (באר בשדה –דאנון)

## א נייע ווינקל –פרק ד' א לומדישע תורה מיט בקיאות.

### אם צריכין טבילה לפני התפילה

שטייט אין תשובת הרשב"א (סימן קנ"א) אז פון דעם פסוק וְרָחֲצוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו מִמֶּנּוּ אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם: (ל י"ט) איז דער מקור פון די גמרא (ברכות ט"ו.) אז מען דארף וואשן די הענט פארן דאווענען ווייל תפילה איז במקום קרבן און אזוי ווי מען דארף זיך וואשן די הענט פארן מקריב זיין א קרבן, אזוי דארף מען זיך וואשן די הענט פארן דאווענען. עס איז דא א אינטערסאנטער רמב"ם (הלכות תפלה פ"ד ה"ג) וז"ל במה דברים אמורים שאינו מטהר לתפלה אלא ידיו בלבד בשאר תפלות חוץ מתפלת שחרית אבל שחרית רוחץ פניו ידיו ורגליו ואחר כך יתפלל וכו' עכ"ל: אז בכלל פאר אלע תפילות דארף מען זיך וואשן די הענט, און פאר תפילת שחרית דארף מען זיך אויך וואשן די פנים די הענט און פיס. דער ראב"ד פרעגט אויפן רמב"ם וז"ל **השגת הראב"ד.** אבל שחרית רוחץ פניו ידיו ורגליו כו'. כתב הראב"ד ז"ל לא ידעתי רגליו למה עכ"ל: פארוואס דארף מען וואשן די הענט און פיס אויך? נאר לויט די רשב"א וואס מען לערנט ארויס אז וואשן די הענט איז פון אונזער פסוק פון קרבן, און אויב פאר א קרבן דארף מען זיך וואשן ידים ורגלים. אזוי אויך פאר תפילה דארף זיין רחילת ידים ורגלים. אויב אזוי איז שווער פארוואס איז דער רמב"ם מחלק צווישן תפילת שחרית און אנדערע תפילות? נאר מען קען ענטפערן אז דער רמב"ם גייט לשיטתו אז מן התורה איז דער חיוב תפילה נאר איינמאל אין טאג, קומט אויס אז ווייל די ערשטע תפילה פון טאג איז שחרית, איז נאר דעמאלטס דארף מען וואשן פניו ידיו ורגליו, אבער די אנדערע תפילות וואס איז נאר דרבנן, דארף מען וואשן די הענט נאר אלץ נקיות, וועגן דעם דארף מען נאר וואשן די הענט פארן דאווענען מנחה און מעריב. זאגט הגאון ר' שריה דבליצקי –מחבר הרבה ספרים– אז די וואס טובלען פארן דאווענען שחרית חוץ די מעלת פון טבילה פארן דאווענען איז מען אויך יוצא שיטות הרמב"ם פון רחילת פניו ידיו ורגליו לפני התפילה. (ספר יקרא דאורייתא - ליק)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -

# מדור העובדות

## א זאך וואס עס איז באשערט וועט דאס ווערן

לעבן ירושלים האט געוואוינט א איד ר' משה, א גביר, וועלכע האט דערגרייכט גאר גרויסע עשירות ער איז אבער געווען זייער קארג און א פרוטה האט ער נישט געגעבן פאר א ארימאן. איינמאל איז צו איהם געקומען אין שטוב א ארימאן בעטן א נדבה אבער ווי זיין שטייגער איז געווען האט ר' משה איהם נישט אריינגעלאזט אין שטוב. האט אים דער ארימאן וועלכע איז געווען פון די צדיקים נסתרים זיך איינגעבעטן ער זאל אים נאר אריינלאזן ער וויל אים עפעס זאגן, און אים נישט געבן א נדבה, האט אים ר' משה אריינגעלאזט. ר' משה איז געווארן איבערעשט פון די הייליגע צורה פון צדיק, אבער זיין שלעכטע מדה פון קארגשאפט האט אים נישט געלאזט זיך בייגן, און האט נישט געגעבן א נדבה. האט זיך דער צדיק אנגערופן דיין גאנצע געלט און אלע טייערע חפצים וועלן מוזן אריבערגיין צו ר' אברהם דער האליץ האקער פון ירושלים! און דער צדיק איז פארשוואונדן געווארן. ר' משה איז געווארן א פארלוירענע אבער זיין עזות האט אים איבערגענומען און האט מחליט געווען אויב ער וועט נישט האבן די געלט און חפצים וועט ער זען אז ר' אברהם וועט דאס אויך נישט האבן!

איז ער געגאנגען אין וואלד און געטראפן א גאר דיקע בוים און האט אריינגעגראבן אין בוים און האט דארטן אריין געלייגט אלע זיינע גאלד און זילבער און אויך זיינע טייערע כלים, אז יעצט וועט יענער ר' אברהם עס אויך נישט קענען האבן! און ער גייט אוועק פון בוים. עס איז אריבער א שטיק צייט און עס האט זיך געמאכט א שטורעם מיט שטארקע ווינטן און שווערע רעגען'ס וואס האט אויסגעריסן הייזער און בוימער און זיי פארפלייצט אין דערוויטנג'ס! ר' משה איז יעצט געבליבן אן א הויז און זיך גענומען וואנדערן מיט זיין ווייב איבער די הייזער צו בעטן נדבות פון אידן. די בוים וואס האט זיך אויסגעריסן איז אנגעקומען אין א חצר פון א פישערמאן. און ווען דער פישערמאן האט געזען אזא דיקע בוים האט ער געזאגט פאר זיין ווייב אז מיר וועלן יעצט קענען שיין פארדינען פון דעם בוים. ווען איך וועל גיין אין מארק פארקויפן פיש פאר שבת וועט דאך קומען ר' אברהם דער האליץ האקער קויפן פיש, וועל איך אים אויך אנטראגן דעם בוים ער זאל דאס אויך קויפן. אזוי איז געווען. און דער פישערמאן איז געגאנגען אויפן מארק מיט זיין פיש און ווען ר' אברהם איז געקומען צו אים קויפן פיש לכבוד שבת האט דער פישערמאן זיך אנגערופן אז דער אויבערשטער האט צוגעשיקט פאר ר' אברהם א גוטע מסחר כדי צו קענען פארדינען אסאך געלט. און ער דערציילט אים וועגן דעם דיקע בוים וואס איז פארפלייצט געווארן און איז געקומען ביי אים אין שטוב. און דער פישערמאן האט געזאגט אז קיינער האט דאס נישט געזען און דאס איז א בוים וואס מען קען רייך ווערן פון די גוטע האליץ! איז ר' אברהם געגאנגען אנקוקן דעם בוים און טאקע געזען אז מען קען שיין פארדינען פון דעם בוים און האט דאס אפגעקויפט פון דעם פישערמאן און דאס געברענגט צו זיך. ווען ר' אברהם האט גענומען שניידן די בוים און דאס אויפגעמאכט האט ער געזעהן א קאסטן וואס איז געווען באהאלטן און ווען ער האט דאס געעפנט איז ער געווארן פרייליך און זיך גענומען טאנצן ווייל יעצט וועט ער טאקע קענען ווערן רייך. ער האט אהיימגענומען דעם קאסטן און איז נשתומם געווארן צו זען די טייערע גאלדענע און זילבערנע כלים און די גרויסע סומע פון גאלדענע מטבעות. יעצט איז ער געווען זיכער אז ער וועט ווערן רייך פון דעם אוצר.

דערוויל איז דעמאלטס אויסגעקומען אז ר' משה און זיין ווייב האבן ארומגעגאנגען אין די הייזער קלייבן נדבות און ווען די צייט איז געווען אנצוקומען קיין ירושלים נאך נדבות האבן זיי מחליט געווען זיי ווילן זיך באקענען מיט ר' אברהם דער האליץ האקער וואס האט געדארפט באקומען זייער פארמעגן. זיי האבן זיך נאכגעפרעגט וואו ר' אברהם וואוינט און זיי זענען דארט געגאנגען בעטן א נדבה. ר' אברהם איז געווען א גוט הארציגער איד און האט באקומען א רחמנות און זיי געבעטן זיי זאלן איינשטיין ביי אים ביז נאך שבת און ער וועט זיי אויך געבן א שיינע נדבה. ר' משה און זיין ווייב זענען געווען אויסגעמוטשעט פון זייער וועג און האבן מסכים געווען צו זיין ביי ר' אברהם די פאר טעג. ווען שבת איז אנגעקומען איז דער שבת טיש געווען באשיינט מיט גאלדענע און זילבערנע טייערע כלים. ביי די סעודה האט זיך ר' משה און זיין ווייב גענומען היסטעריש וויינען, און ווען ר' אברהם האט זיי געפרעגט די סיבה פון זייער וויינען האבן זיי זיך געשעמט צו זאגן, ביז ר' אברהם האט זיי שטארק איינגעבעטן און זיי האבן דערציילט די גאנצע מעשה פון דעם ארימאן דער צדיק, וואס האט געזאגט אז זייער גאנצער פארמעגן וועט אריבערגיין צו דיר און יעצט דערקענען זיי אז די כלים וואס באשיינען דעם טיש איז טאקע וואס האט באלאנגט צו זיי און עס איז מקויים געווארן די רייד פון ארימאן!

נאך דעם וואס זיי האבן זיך בארוהיגט האט ר' משה געפרעגט ר' אברהם ווי אזוי האט ער באקומען זייערע אוצר? האט ר' אברהם זיי דערציילט די מעשה פון דעם פישערמאן און די בוים. און ווען ר' אברהם האט געזאגט אז ער איז גרייט צוריקגעבן פאר זיי זייער אוצר האט ר' משה געזאגט אז ער זעט אז דאס איז געווען דער רצון פון אויבערשטן, און דאס איז א עונש פאר זיין קארגשאפט און ער וויל זיך נישט שלאגן מיטן אויבערשטן און זענען גרייט צו מקבל זיין דעם גזר דין.

דערוויל האבן זיי זיך בארוהיגט און געזען אז ווייל עס איז געווען באשערט אז זייער פארמעגן זאל אנקומען צו ר' אברהם האט דער אויבערשטער געמאכט א שטורעם און פונקט איז דער בוים אנגעקומען אין הויף פון דעם פישערמעאן וואס האט דאס אנגעטראגן פאר ר' אברהם. און דאס האט זיי געגעבן א שטארקן חיזוק אין השגחה פרטית. למעשה האט די גאנצע ענין ווי געטאן פאר ר' אברהם און זיין ווייב און מוצאי שבת האט ער געזאגט פאר זיין ווייב זי זאל באקן א שיינע טארט און אריינלייגן אין דעם הונדערט גאלדענע מטבעות און אזוי ווען זיי וועלן דאס עפענען וועלן זיי האבן געלט אויף צו לעבן.

ביים זיך געזעגענען האט ר' אברהם געזאגט אז אפילו איר ווילט נישט אייער פארמעגן צוריקנעמען פון אונז אבער א שיינעם טארט אויפן וועג מעגט איר נעמען, און זיי האבן דאס גענומען און ווייטער געפארן. ביים ארויסגיין פון ירושלים איז געווען א שומר וואס האט גענומען מס פון די וואס האבן ארויס געפארן פון ירושלים און אזוי ווי ר' משה האט נישט געהאט קיין געלט האט ער אוועקגעגעבן דעם טארט אנשטאט געלט! דער שומר האט געפעלן דעם שיינעם טארט און האט דאס מסכים געווען צו נעמען אנשטאט געלט!

יענע צייט האט ר' אברהם געמאכט א חתונה פאר זיין זון און דער שומר האט געשיקט דעם טארט אליין א מתנה. ווען ר' אברהם האט דערזען אז דער טארט איז צוריקגעקומען צו אים האט ער זיך בארוהיגט און געזען אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז די פארמעגן פון ר' משה זאל טאקע גיין צו אים. און אז עס איז געווען באשערט פאר אים האט נישט געהאלפן קיין סיבות און ענדע איז דאס אנגעקומען צו אים. "כי הוא אמר ויהי"


*נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*

שו״ת נודע ביהודה דפו״ר, ארבעה טורים שנת ש׳, שערי תשובה דפוס ראשון פאנו רס״ד, ספר קהלת דוד טאלנא דפוס ראשון, חמש מחזורים כרך א׳ ספרד, ספר שיח אליעזר עם הגה״ה מאדמו״ר מסקאלי׳ זצוק״ל, סידור של״ה דפוס זיטאמיר תרכ״ו חסר שער, ספר נועם אלימלך לבוב תר״ט, דברי דוד טשארטקוב דפוס ראשון, אלפא ביתא נאדבורנא דפוס זיטאמיר נדיר,ספר הרוקח ונכרך עם מוסר השכל על הרמב״ם דפוס זיטאמיר ,ספר הק׳ אור החיים דפוס ראשון נחלק לפרשיות תרומה עד צו, ספר שו״ת יהודה יעלה פון מהר״י אסאד מיט פיל הגהות פון הרה״ג ר׳ עמרם ראזענבערג אב״ד ראצפערט. ספר אור הגנוז מאניפולי מצב מפואר ספר מיוחד לשמירה 3000$, שמירה מטבע פון הר׳ כדורי, שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון שייך לאדמו״ר מווילייקא קוידנויב 3000$, ספר תניא דפוס ווילנא תר״ס 600$, ספר המקנה מיט מחנה לוי דפו״ר, ספר אוהב ישראל פון אפטא רב דפוס ראשון. א קאמארנא תהלים, א שיינע סעט היכל הברכה קאמארנא שנת תש״י. מיט די פושקע און פאפירינע דעקלאך # 258. א סעט קאמארנע משניות אמרקאי, ספר באלאנגט צו הרה״ק ר׳ אברהם יוסף גרינוואלד. בריוו פון אדמו״ר בוהוש זצ״ל מא״י, ר׳ זוסיא טשערנאביל זצ״ל מא״י ועוד אדמור״י טשערנאביל. א בריוו פון הר׳ ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאו אודות מצבו הירוד. בריוו פון הרה״ק ר׳ ירחמיאל משה מקאזניץ שוער פון בעל חובת התלמידים. ר׳ נחום מרדכי מטשורטקוב, הר״ר יצחק צבי לעבאוויטש אב״ד טשאפ און א רשימה פון זיין קהילה. פון חלקת יהושע ביאלא, ר׳ ישראל מבלאזוב, ר׳ שלמה השני באבוב, ר׳ אלי׳ ברוך קמאי ממיר, ועוד, א מענה לשון האט באלאנגט צו מקובל פון רעננה ר׳ יצחק הוברמן. שו״ת מנחת אלעזר עם הגהות הר׳ פאללאק אב״ד ווערפעהלט, אויך פרוטות מזמן הבית המקדש

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1 till 1 seforim@gmail.com**

**דער גליון קען מען אויך באקומען אויף לדעת און אין קונטרס גליונות פון הר׳ שמואל ראטה און גליונות פון ר׳ וועלוועל שמעלצער, אין ירושלים אין גל פז**
**און ס׳ גליונות פון בימ״ס עין יעקב**